ב"ה

# טעראַפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאָנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 41

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## פארוואס הערט מיין קינד אין חדר וועגן מלחמות?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*דער ענגליש טיטשער פון מיין זון לערנט פאר זאכן פאר די קינדער וואס שטערט מיר זייער שטארק. צום ביישפיל לערנט זיך יעצט דער טיטשער צו ווערן א שומרים מעמבער, און ער לערנט אויס די קינדער וואך נאך וואך וואס מען דארף טון ווען מען דארף זיך שלאגן, ער לערנט זיי אויס נישט אזעלכע אויידעלע תנועות, און עס רייסט מיר די הארץ.*

*אויך דערציילט ער זיי מעשיות פון מלחמות פון ענגלאנד מיט אמעריקע און טשיינע, און אזוי ווייטער, ממש ווי אזוי די סאלדאטן זיצן צו אויסטרעפן די קאודס פון אנדערע לענדער. מיין זון קומט אהיים אסאך מאל און ער זאגט אז ער האט מורא פון די מעשיות. עס ציפט מיר זייער שטארק די גאנצע צייט וואס ער איז ביי דעם ענגליש טיטשער. איך ווייס נישט וואס צו טון, מיין זון איז זייער אן איידל קינד, אויב דער ראש ישיבה שליט"א קען אויסגראבן מיין מח איבער דעם.*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת נשא, ח' סיון, אסרו חג, שנת תשפ"ה לפרט קטן

... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אז דיינע קינדער קומען אהיים און דערציילן פון פאליציי און מלחמות וכו' - זאלסטו זיי אויסהערן, ווער נישט דערשראקן פון דעם. בדרך כלל זענען קינדער זייער אינטערעסירט אין די זאכן פון מלחמות, פון פאליציי וכו'; מיט חכמה קענסטו כאפן זייערע הערצער דורך זיי דערציילן מעשיות פון נ"ך פון די מלחמות ביי די אידישע קעניגן, די מעשיות פון דוד המלך מיט די פלשתים, מיט גלית; דאס איז דאך איין שטיק יראת שמים, איין שטיק מוסר. דער רבי האט געזאגט אז נ"ך איז זיין מוסר ספר.

דערצייל דיינע קינדער מעשיות פון צדיקים, ווייל ווען עס איז טונקל איז דא איין וועג ווי אזוי אוועק צו נעמען די טונקלקייט, דורך אנצינדן ליכטעלעך; ווי מער ליכט מען צינדט אן - אלץ מער ליכטיג ווערט, ביז מען ווייסט נישט וואו די טונקלקייט איז. אזוי איז מיט קדושה און טומאה, **ווי מער מען רעדט צו די קינדער פון אמונה און ווי מער מען דערציילט זיי מעשיות פון צדיקים - טרייבט מען אוועק די ליצנות און די נארישקייטן.**

זיי פריילך, טאנץ מיט דיינע קינדער, מאך זיך נאריש, ביז דו וועסט טאקע ווערן פריילך, וועלן זיי וואקסן היילג.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## ווי אזוי ווערט מען פטור פון אלטע שולד געפילן?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך שפיר ווי די שולד געפילן פון מיין עבר לאזן מיר נישט אפ, עס מאכט מיר אזויפיל צער און ווייטאג און שטערט מיר זייער אין לעבן, ווי אזוי ווערט מען פטור דערפון?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת במדבר, כ"ז אייר, מ"ב לעומר, שנת תשפ"ה לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

חזר'ט אייך איין וואס דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן כו): "ביי די וועלט איז שכחה א חסרון, אבער ביי מיר איז שכחה א מעלה", מענטשן רעדן זיך אפ אז זיי האבן נישט קיין גוטע זכרון און זיי פארגעסן וואס איז געווען, מען מיינט אז דאס איז א חסרון, אבער עס איז פארקערט, עס איז נאר א מעלה, ווייל ווען עס וואלט ווען נישט געווען שכחה וואלט מען נישט געקענט דינען דעם אייבערשטן, מען וואלט נישט אויפגעהערט צו טראכטן פונעם פארגאנגענהייט, פון אלע דורכפעלער און אלע פראבלעמען וואס מען איז דורך, דאס וואלט גורם געווען אז דער מענטש זאל נישט וועלן נאכאמאל פרובירן צו זיין אן ערליכער איד, אבער יעצט אז עס איז דא שכחה, קען מען זיך באנייען און אנהויבן פונדאסניי.

### קוק נישט אויף צוריק

אז דו וועסט קוקן אויף צוריק וועסטו ווערן צעדרוקט און זיך נישט קענען רוקן פאראויס אין לעבן. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מגילה י:): "כָּל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר וַיְהִי, אֵינוֹ אֶלָּא לָשׁוֹן צַעַר", איבעראל וואו עס שטייט דאס ווארט 'וַיְהִי' - 'עס איז געווען', איז דאס א לשון צער, און וואו עס שטייט "וְהָיָה" - עס וועט זיין, "אֶלָּא לָשׁוֹן שִׂמְחָה", איז דאס א לשון שמחה. מוהרא"ש זאגט, דאס איז זייער וויכטיג, מען

קען זיך נישט רוקן אין לעבן נאר אז מען קוקט וואס וועט זיין, עס וועט זיין גוט, און אז מען קוקט אויף צוריק - ברענגט דאס נאר צער, און דערפאר זאגט מוהרא"ש איז דער לייב דער קעניג אויף די חיות ווייל דאס איז זיין נאטור, ער דרייט זיך נישט אויס, ווידער דער פוקס איז טאקע א קלוגע חי', עס איז באוויסט אז דער פוקס איז זייער קלוג און געריבן, קלוגער פונעם לייב, אבער זיין נאטור איז שטענדיג צוריק צו קוקן, אזוי קען נישט זיין א קעניג, אזוי אויך ביים מענטש, דער וואס קוקט צוריק - דער קען נישט זיין קיין קעניג, ער קען נישט מצליח זיין.

**זיך שטארקן מיט אלע כחות נישט צו זיין דעפרעסט**

ברודער, אנטלויף פון עצבות און מרה שחורה, דער הייליגער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ, וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", עס איז א גרויסע מצוה צו זיין שטענדיג פרייליך און זיך שטארקן מיט אלע כחות נישט צו זיין דעפרעסט, ווייל אלע מחלות און אלע קרענק קומען ווייל מען איז דעפרעסט און נישט פרייליך, און דער רבי זאגט דארט ווייטער: "גַּם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ, שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אפילו די דאקטוירים זאגן אז אלע מחלות קומען פון דעפרעסיע און פון זיין נישט פרייליך.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## וואס קען איך טון אז איך זאל ווערן דאר פאר מיין חתונה?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*יישר כח אויף אלע שיעורים און בריוון, וויפיל איך בין ב"ה אויפגעוואקסן מיט די עצות פון רבי'ן לייגט איר עס אבער אראפ אזוי שטארק, אז מען קען זיך נישט ארויס דרייען פון עס מקיים זיין.*

*איך דארף הילף, די לעצטע תקופה האט מיר עפעס אנגעכאפט און איך עס א גאנצן טאג! מיין לעבן איז באמת גוט איך זעה נישט פארוואס עסן דארף מיר אזוי שווער מאכן.*

*איך דאווען אויף דעם, איך זאג ליקוטי תפילות אויף תאוות אכילה און אויך תהילים, אבער עס איז אזוי ווי נישט איך בין באלעבאס אויף זיך נאר א צווייטער. איך האב זיך פיינט אז איך בין נישט שולט אויף זיך, אז די עסן איז שטארקער פון מיר, עס פארשעמט מיר.*

*ווען איך עס צו סאך, שטעק איך אריין א פינגער און איך ברעך עס אויס, איך ווייס אז דאס איז נישט געזונט, אבער איך גיי חתונה האבן און איך מוז חתונה האבן דאר! איך האב נישט מיט וועמען צו רעדן איבער דעם, וויל באמת בין איך נישט אזוי גראב, און איך עס באהאלטענערהייט.*

*איך האב געקוקט אין ספר המידות און אין ליקוטי עצות-אכילה, און איך טרעף נישט א וועג ארויס. איך ווייס אז דער אייבערשטער איז גוט און אז איך קען זיך פארלאזן אויף אים. איר האט אפשר אן עצה פאר מיר?*

*א ריזיגן יישר כח פאר'ן אוועק געבן פון אייער צייט צו ענטפערן דעם בריוו.*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת משפטים, כ"א שבט, שנת תשע"ח לפרט קטן

לכבוד... איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איר שרייבט אז איר האט געקוקט אין ספר המידות און איר זעט נישט קיין עצה; קוקט וואס דער רבי זאגט (ספר המידות, אות תפלה, סימן לז): "עַל כָּל הַדְּבָרִים הֵן עַל דָּבָר גָּדוֹל, הֵן עַל דָּבָר קָטָן תִּתְפַּלֵּל", אויף יעדע זאך - סיי א גרויסע זאך און סיי א קליינע זאך - זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן; מיט תפילה קען מען אלעס באקומען.

ווען א מענטש געוואוינט זיך צו יעדע זאך צו שמועסן מיטן אייבערשטן, דער מענטש לעבט זיך אין גן עדן. **ער קען זיך ליידן און ער קען ליידן א צווייטן. ער לעבט מיט אמונה; ער ווייסט אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט, עס פאסירט גארנישט פון זיך אליין און ער איז צופרידן פון זיך.**

בעטס דעם אייבערשטן ער זאל אייך העלפן איר זאלט לעבן א לעבן פאר זיך, עס זאל אייך נישט אנגיין וואס א צווייטער זאגט.

עס זענען נעבעך דא מענטשן וואס לעבן פאר א צווייטן און פון דעם ווערן זיי קראנק. ווייל זיי טראכטן כסדר 'אפשר בין איך נישט דאר וכו'?', זייער אסאך מענטשן ליידן פון די מחלה פון זיין אויסגעדארט; מען פייניגט זיך ווייל מען דמיונ'ט אז מען איז נישט דאר. מען טוט פעולות אויסצוברעכן דאס עסן וואס מען עסט, ביז מען קומט חס ושלום אן צו א מצב פון סכנת נפשות.

**עס זענען נעבעך דא מענטשן וואס לעבן פאר א צווייטן און פון דעם ווערן זיי קראנק. ווייל זיי טראכטן כסדר 'אפשר בין איך נישט דאר וכו'? זייער אסאך מענטשן ליידן פון די מחלה פון זיין אויסגעדארט; מען פייניגט זיך ווייל מען דמיונ'ט אז מען איז נישט דאר.**

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ממון, סימן עא): "הַחֹלָאַת שֶׁל כְּחִישַׁת הַבָּשָׂר, הַנִּקְרָא דַּאר, הַבָּא עַל אֶחָד מִבְּנֵי-הַבַּיִת, הוּא סִימָן לְדַלּוּת"; די מחלה פון זיין דאר ווייזט אויף ארעמקייט; ווער איז אן ארימאן? איינער וואס לעבט נישט מיט אמונה, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (נדרים מא:): "אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת"; ווען א מענטש האט אמונה, ער לעבט מיטן אייבערשטן, ער ווייסט אז עס איז גארנישט דא אויף דער וועלט נאר דער אייבערשטער, וועט ער זיך נישט מאכן נאריש ווי אזוי ער זעט אויס.

דאנקט און לויבט דעם אייבערשטן אז איר גייט שוין חתונה האבן, און בעטס דעם אייבערשטן פאר געזונטע ערליכע קינדער. בעטס אים אז די שכינה זאל אייביג רוען ביי אייך אין שטוב.

**ווי אזוי שטארק מען זיך, נישט צו הערן נייעס?**
**זאל איך בויען א בונקער זיך צו ראטעווען פון א נוקלאערע קריג?**
**וואס טו איך מיט מיין בחור וואס מאכט מיר אוועק כסדר?**

*קוקט ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!*

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**